יודען באַיקאָטירן דייטשע סחורות, כל־זמן היטלער פּייניגט יודען אין דייטשלאַנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פּרייז 30 גראָשען (פּולע טאַבעלע פון דער מלוכה־לאָטעריע זעה זייט 18) היינט 24 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

| № 78 | Łódź, Piątek 31 marca 1933 r. | עלפטער יאָהרגאַנג | לאָדז, פרייטאָג, ד' ניסן תרצ"ג | № 78 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאַווער 21, טעל. 224-71

# טעקסטיל = אַרבייטער = שטרייק נאָך נישט פאַרענדיגט

## מיט די קליינאינדוסטריעלער איז נאָך נישט געקומען צו קיין אויסגלייך

### נעכטיגע אונטערהאַנדלונגען ביז שפּעט בײַנאַכט — היינט קומען די אונטערהאַנדלונגען ווייטער פאָר

## דער פערלויף פון נעכטיגן שטרייק־טאָג

געכטען אינדוסטריע האָבן די שטרייק־קאָמיטעס געהאַט א שווערע עובדה פון אײַנמלויפן און בעזונדערע עדיטער און אויפקלערען די אַרבייטער, אַז דער שטרייק איז נאָך נישט געענדיגט כל זמן עס איז, כפי המדובר אין וואַרשא, נישט אונטערגעשריבען געוואָרען דער קאָלעקטיווער אָפּמאַך אײַנם לאָדזער קריוואַרבייטס־אינספּעקטאַריאַט.

עס איז אַפילו אַזוי געשעהען, אַז ביי טייבלערין, למשל, האָבן זיך אַ סך אַרבייטער אויף דער מעלדונג פון דער דירעקציע, געשטעלט צו דער אַרבייט, און געוואָרן פאַרנומען ביי די וואַרשטאַטען א מינוטען 10 ביז... מען האָט זיי דעם ערין אויפגעקלערט, און זיי האָבן פאַרלאָזט די פאַבריק.

* * *

9 אינדוסטריע האָט זיך אין קינא „אַשוויאַטאָווי" פאַרזאַמעלט אַ ריזיגער עולם שטרייקענדע, דער לעדיראַנג איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז געווען אוממעגליך אויפצוהאַלטן אַ שטרענגע קאָנטראָלע פון די בעטייליגטע אין דער פאַרזאַמלונג.

10 אינדוסטריע האָבן זיך ביים פּראָזידיאַל־טיש געזעצט די אַרבייטער־דעלעגאַטען, וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין די וואַרשאַוער בעראַטונגען: די דעפּוטאַטען שטשעפּקאָווסקי און וואַישעדיטש, די ליידער פון די פאַראייניגן: סאָבאַ, פּאַוולאַק, קולטשיצסקי א. א.

די דעלעגאַטען האָבן אָפּגעגעבן אַ גענויעם בעריכט וועגן פערלויף פון די וואַרשאַוער בעראַטונגען, אנווייזענדיג צ. א. אַז די דינסטאג בעראַטונגען אין מיניסטעריום האָבן געדויערט ביז 11 אין אווענד, און אַז דער ענדגילטיגער הסכם איז דערגרייכט געוואָרען מיטוואָך אַרום 4 נאָכמיטאָג.

דער לעצטער רעזולטאַט פון די וואַרשאַווער קאָנפערענצן איז:

די פאַבריקאַנטען וועלען אונטערשרייבן אַ קאָלעקטיווען אָפּמאַך, צו וואָס זיי האָבן זיך פאַרפליכטעט אין פּראָטאָקאָל, וואָס איז אונטערגעשריבן

(ווייטער זעה 16. זייט)




פּייהיר מאַסקווע איצט לאָנדאָן

כשר לפסח

גוטער און געשמאַקער טעע

איז נור פון דער איבעראַל־בעוואוסטער פירמע

ו. וויסאָצקי און קאָמפּ.

הנוסדה ע"י קלונמוס זאב וויסאָצקי ז"ל

וועלכע איז אנערקענט אַלס די בעסטע אויף דער וועלט.

ספּעציעלען ערפאָלג האָבען די סאָרטען:

איז אָריגינעלע פּערפּלאָמבירטע בלעך־שאַכטלען

№ 75 און № 74

אין אָריגינעלע פּעקלעך באַנדראָלירט

צו בעקומען איבעראַל! צו בעקומען איבעראַל!

בהכשר של הרב מדנציג ר' יעקב מאיר סגלוביץ עם ועד הרבנים מווארשא.

כשר לפסח כשר לפסח



ANGLAS

דעם בעסטען געזונט גיבענד שאָקאָלאַד און קאַקאַאָ

כשר לפסח בהכשר של הרב בדאנציג ר' יעקב מאיר סגלוביץ עם ועד הרבנים מווארשא. כשר לפסח

Skład Konsygnacyjny:

SALOMON SEIDLER, Łódź, Piłsudskiego 32

tel. 221-58 i 132-30.

# פּיניעלע מזיק
## גייט קיין ארץ-ישראל



אַז עס האָבן מיר טאַקיש געמאַכט אַ באַנקעט, זענט עס גאָר טאַקע יאַטען און אַ געזונד זאָל קומען אין ענקערע ביינער אַריין.

הערט, וואָס איך עט ענק זאָגען, מאַיע טאַיערע ליבע יאַטען: איך גיי דאָך קיין ריצרועל (געמיינט: ארץ-ישראל) באָר פאַר ענקערצוועגן, טאָ זאָלט עך דאָ נישט פאַר———דושען די „נותן קאַריטאָפּליאַנקע". אָף מאַן אָרט עט זאַן דער וויצעק פּרעזוס זרח פּאַריכקאָפּ פון שמאָלען געסעל. עך זאָלן עם האָרכען, פּונקט אַזוי ווי מיך, פּיניעלע מזיק.

יאָ, פאַרוואָס מיר, יאַטען, האָבען זיך נישט בעטייליגט אין טאָניס צעבער (געמיינט: ועגות צבור)? מיר, קליינע יאַטען זעמער אויסגעהאַלטען: מיר פאַסטען נישט. מיר שפּילען זיך נישט מיט פּראָטעסטען. מיר פּערקיפּיען אַזאַ פּענטאַק מיט די שוואַרצע וואָנסעלעך און פאַרטיג!...

צי איך גיי צו פּיס קיין ריצרועל? וואָס דען, זוי די, די גרויסע יאַטען — אויף באַהנען, אויף שיפען? ←קיין ריצרועל מוז מען גיין פּיעשאָטע, אויף די אייגענע גאַלער'ס מוז מען ראַנגלען — אַט אַזוי וויל איך, פּיניעלע מזיק טון!

יאָ, איך האָב גאָר פעגעס ע' :צי'זאָלן ענק נעמען צו אַ 'פסח-אַקציע פאַר ביקובעדע פענטאַקעס, ווי אַזוי דאָס צו זאָרגעניזירען, על איך ענק שראַבען פון וועג.

אָן מיר און זאָן מיר געזונד — איך גיי קיין ריצרועל!

—:א:—

## פון היטלער-לאַנד
### ספּ. טעלעגר. צום „קונדס"

בערלין, (נישט חלילה פון יט"א). אויף דער פרידריך-שטר. זענען בעוואָפענטע היטלעריסטען בעפאַלען אַ ייד און איהם געשלאָגען ביז בלוט.

אויף דער פראַגע: פאַרוואָס זיי שלאָגען איהם, האָבען זיי געענטפערט: איהר זעהט דאָך, אַז ער איז רויט...

מינכען, (ספּעציעל). אַ היטלעריסט האָט מערדעריש צעשלאָגען אַ סאָציאַליסט, און דערנאָך איהם געגאָסען עסיג אין מויל אַריין. דערביי האָט דער היטלעריסט געשריגען צום צעשלאָגענעם סאָציאַליסט:

— די פערפלוכטע, פאַרוואָס מאַכסטו אַזאַ זויערע מינע?...

## מ'זאָגט, אַז

אונזער רעגירונג האָט באמת אַ גוט הארץ — זי בעהמט צו ט'לעצטע העמד און גיט דעראַפאַר רעספּאַרמען..

יאַפּאַן האָט פערלויען דעם באָדען אין דער פעלקער-ליגע און געווינט איהם צוריק אין כינע.

## דער דעפּוטאַט און דער 100-דאָלאַר-שטיק
### מיט וואָס זענען זיי ביידע גלייך?

וועגען אַ געוויסען לאַנדזער דעפּוטאַט זאָגט מען, אַז ער איז געגליכען צו אַ 100 דאָלאַר-שטיק.

— מיט וואָס?

— ביידע ווען מ'האָט זיי, זענען זיי נישטאָ אין דער היים...

## דער וועג צום גן-עדן
### דער פּראָווינצער רב און דאָס לאָדזער יונגעל

אויפ'ן אַלטען מאַרק גערעט אַ פּראָווינצער רבי'ל צו צו אַ יונגעל און פרעגט איהם וואו מ'געהט אין דער אַלט-שטעטישער שוהל אַריין.

— אָטאָ דאָ נישט ווייט דורך דער וואָלבאָרסקא גאַס — האָט דאָס יונגעל געענטפערט.

— אַז דו ביזט יאָ אַזאַ גוט יונגעלע, האָט דאָס רבי'ל געזאָגט צום יונגעל, אַז דו וועסט קומען צו מיר, וועל איך דיר ווייזען דעם וועג צום גן-עדן.

— כ'גלויב נישט, האָט דאָס יונגעל געענטפערט — אַז דער רבי ווייסט נישט דעם וועג צו דער אַלטשטעטישער שוהל, וועט איהר ווייסן דעם וועג צום גן-עדן?...

## זעליג יודענע און רבקה קאַזאַק
### אַ זיווג פון שמיי דריי בראשית

נאָך אָוועַנדברויט האָבען ביידע: זעליג יודענע מיט זיין ווייבעל רבקה קאַזאַק זיך אַוועקגעזעצט לייענען אַ צייטונג און זי אַ ביכעל.

— וואָס לייענסטו רבקה? האָט זעליג געפרעגט.

— אַן אינטערעסאַנט ביכעל: „מענער האָבען ליב בלאָנדינקעס" — אַלץ דאָ אין ביכעל קומט פאָר פּונקט ווי ביי אונז.

— וואָס הייסט? דו ביזט דען אַ בלאָנדינקע? — האָט זיך זעליג געוואונדערט.

— און דו ביזט דען אַ מאַנספּערשוין — האָט רבקה קאַזאַק איהם געענטפערט.

## אַ גערעכטע טענה
### פון אַן אָנגעקלאָגטע אין געריכט

ריכטער: איהר זענט אָנגעקלאָגט אַז איהר האָט געפעלשט אַ פאַלשען וועקסעל.

אָנגעקלאָגטער: אויב איך האָב געפעלשט אַ פאַלשען וועקסעל, טאָ וואָס איז ס'געוואַלד אַזוי?

## צווישען רייכע קינדער

דו ווייסט, מענדעלע, מיין טאַטעשי האָט אַזוי פיל געלד, אַז ער איז גאָר נישט אימשטאַנד אויסצוגעבען.

און מיין טאַטעשי האָט אַזוי פיל געלד, אַז אפילו די מאַמעשי איז נישט אימשטאַנד עס אויסצוגעבען.

# ווער—עז זיי „אידם" דערייאַגען?




פּרוּזעס: 'אַז איך גיב אויף דער מקוה, קען איך מיר נישט דערלויבען אויף אייערע „נאַרישקייטען".

# דער קונדס

● הומאָר
● סאַטירע

● צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 78 — פרייטאַג, דעם 31 מערץ 1933

## היטלערס מלאך-המות...



יוד אין רעדאַקציע:
(צום רעדאַקטאָר):
פאַניע פאָלקסבלאַט,
פאָלגט מיך, שיקט זי
צו היטלערן — זי וועט
איהם שוין פאַרטיג
מאַכען!...

